# מוסדותינו



#20
ארויסגעגעבן דורך:
**ישיבה תו"י ובית רחל דרב"י סאטמאר, קרית יואל יצ"ו**
נייעס, אינפארמאציע און אנטוויקלונגען פון אונזערע מוסדות הק' מיט איהרע 6,500 קינדער כ"י
פרשת וישלח
תשע"א

# אלפי אנ"ש, הורי ותומכי "מוסדותינו" אין שפאנונג צום גרויסארטיגן דינער מוצש"ק

2

## כן ירבה וכן יפרוץ

**מוסדותינו הק' ווירבלן מיט קרוב צו 6,500 תלמידים ותלמידות כ"י**

הרחבת גבולי הקדושה אין פארשידענע אפטיילונגען פון די מוסדות הק'

12



פונעם
**בעסטן זיידן**
האט מען פארגעסן

6

## ספעציעלע בייל

## דינער השנתי

מוצש"ק פ' וישלח

## חגיגת יובל העשרים פון מפעל בן גמלא

3

## גייסטרייכע שעה'ן פון קורת רוח

מיט'ן באריכמטן בעל מנגן ר' יששכר גוטמאן נ"י

המזמרים
לעבעדיגע היימישע כאר

3

SPONSORED & DESIGNED BY:
COPY CENTER
845.783.6179
23 Satmar Dr. #101

# אלפי אנ"ש הורי ותומכי "מוסדותינו" אין שפאנונג צום גרויסארטיגן דינער

### דעם היינטיגן מוצש"ק אין די זאלן פון "בית רחל פאראדייס"

מיט גרויס עקסטאז און שפאנונג גרייט זיך דער גאנצער ציבור אנ"ש הורי ותומכי מוסדותינו הק' תושבי עירנו, אנטיילצונעמען בעזה"י ביי דעם גרויסארטיגן מעמד דינער השנתי לטובת מוסדותינו הקדושים "ישיבה תורה ויראה ובית רחל דרבינו יואל ד'סאטמאר", וואס קומט פאר אי"ה דעם היינטיגן מוצאי שבת קודש פ' וישלח, אין די זאלן פון "בית רחל פאראדייס", וואו עס ערווארט די טויזנטער משתתפים א העכסט-רייכער אווענט און לאנגע שעה'ן פון קורת רוח.

דער היי-יעריגער מעמד רופט ארויס ספעציעלע שפאנונג און אינטערעסע ביים ציבור צוליב דער זעלטענער באדייט ווען ביי דער געלעגנהייט ווערט אפגעצייכנט ווערן 20 יאר פונעם בארימטן מפעל בן גמלא להחזקת בני עניים, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן בשנת תשנ"א בעצת קדשו פון רביה"ק בעל ברך משה זצוק"ל.

כמדי שנה בשנה וועט אי"ה דער מעמד הדינער באשיינט ווערן מיט די פערזענליכע השתתפות פון כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א, וועלכער וועט אי"ה מיטהאלטן דעם גאנצן דינער און אויפטרעטן מיט די צענטראלע דרשה ודברות קודש, אויף וואס דער גאנצער ציבור קוקט ארויס מיט גרויס צמאון לדבר ה'.

ווי באקאנט איז דער דינער השנתי פון די מוסדות א יערליכע צענטראלע מאורע פון הקהל את העם, וואס ברענגט צוזאם תחת קורת גג אחד טויזנטער הורי ותומכי מוסדותינו, במעמד רבני ודייני העיר, אין שפיץ פונעם רבי'ן שליט"א, מחזק צו זיין אונזערע הייליגע מבצרי החינוך מיט אירע קרוב צו 6,500 קינדער כ"י בליעה"ר, וואס איז כהיום דער גרעסטער מוסד החינוך בממלכת סאטמאר, תחת דגל נשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

די הנהלת המוסדות איז שטארק דאנקבאר די אלע וואס האבן שוין אנטיילגענומען מיט גרויסע סכומים צום דינער קאמפיין, און עס איז אוודאי צום האפן אז קיינער וועט נישט ארויספאלן, און באזונדער וועלן מיר זיך אלע אי"ה משתתף זיין אויך בגוף, צו קומען פערזענליך מיטהאלטן דעם הייליגן מעמד לחיזוק מוסדותינו, אז דאס מסירת נפש וזיעת אפו וואס דער הייליגער מייסד רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט אוועקגעגעבן בשארית כוחותיו פאר אונזערע מוסדות, און דאס מסירת נפש ודמים תרתי משמע וואס ממשיך דרכו רביה"ק בעל ברך משה זי"ע האט מקדיש געווען, זאל בעז"ה ווייטער האבן א עערליכער קיום על בנינו ועל דורתינו, אונטער די הדרכה און נשיאות הקודש פון יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

כולנו דעם מוצש"ק אין "פאראדייס"!!



# גייסטרייכע שעה'ן מלא קורת רוח ערווארט אי"ה די אלפי משתתפים

א גאר רייכער פראגראם ווערט היי-יאר צוגעשטעלט געווארן אויפ'ן דינער נאכט, פון וואס דער גאנצער ציבור וועט אי"ה הנאה האבן.

א ברייטע סעודה וועט צוגעשטעלט ווערן לכבוד סעודת מלוה מלכה, און דורכאויס לאנגע שעה'ן וועט דער ציבור פארברענגען אינאיינעם אין א העכסט-גייסטרייכע היימישע אטמאספערע.

במשך דעם אווענט ובפרט אין די ערשטע שעה'ן פונעם דינער, וועט מען האבן די מעגליכקייט צו הערן הערליכע פרקי זמירות פון די בארימטע כאר "המזמרים", וועלכע וועלן מהנה זיין דעם עולם מיט שיינע ניגונים, ווי אויך פארזינגען די זמירות מלוה מלכה.

### "המזמרים" מיט ר' יששכר גוטמאן נ"י וועלן באגלייטן דעם אווענט

באזונדער וועט מנעים זיין בקול שירה דער אויסגערופענער שטערן אין עולם הנגינה ר' יששכר גוטטמאן נ"י, וואס וועט צוגעבן אסאך טעם און געשמאק צום רייכן אוונט.

ווי אלע יארן וועט אי"ה אויפטרעטן מיט'ן "דבר הנהלת המוסדות" הרבני הנגיד המרומם איש חי ורב פעלים הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו, מראשי הקהלה וחבר ועד הנהלת המוסדות והקרי', וועלכער וועט איבערגעבן א דעטאלירטע רעפעראט און א פינאנציעלער באריכט פון די פארצווייגטע ווירטשאפט אין די מוסדות הק'.

אלס יושב ראש פונעם אווענט האט די הנהלת המוסדות ווידער אויסגעקליבן דער בארימטער נאה דורש הרה"ג ר' שמעון אברהם ראטה שליט"א, ר"מ בישיבה לצעירים ח"ב, וועלכער האט זיך שוין באקאנט געמאכט מיט זיינע טרעפליכע דרשות ביי פארשידענע גרעסערע כינוסים בפרט ביים גרויסארטיגן דינער פארגאנגענעם יאר וואס האט געמאכט א שטארקן רושם.

כינוס לשם שמים נאה להם.

# עמאציאנאלע שטימונג לרגל "חגיגת יובל העשרים" פון מפעל "בן גמלא"

## - ראשונים פון 'בן גמלא' פראיעקט וועלן באעערט ווערן פאר 20 יעריגע שותפות -

א ספעציעלע רייכע פראגראם וועט היי-יאר באגלייטן דעם אוונט לרגל וואס דער מעמד וועט אויך דינען אלס חגיגת שנת העשרים פון "מפעל בן גמלא".

צווישן די שענסטע קאפיטלן וועט זיין דאס באעהרן צענדליגער 'ערשטע' ספאנסערס וראשונים לדבר שבקדושה וועלכע זענען שוין אנגעשלאסן אין דעם 'בן גמלא' פראיעקט זינט דאס ערשטע יאר, און זיי האלטן שוין היינט ביים צווייטן דור.

אין נאמען פון די באערטע וועט אויפטרעטן אחד מבני החבורה מחשובי תושבי העיר, וועלכער וועט ארויסברענגען די הרגשים צו דעם מאמענט און די גליקליכע זכי' פון אלע בן גמלא ספאנסערס.

ספעציעלע רעזערווירטע טישן ווערן צוגעגרייט פאר די חשוב'ע 'בן גמלא' באעהרטע. ווי אויך וועט אי"ה פארטיילט ווערן א הערליכע מתנה פאר די בן גמלא באקרוינטע לאות ולמזכרת פונעם מעמד.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן יובל העשרים פון בן גמלא האט זיך דער היי-יעריגער דינער קאמפיין שטארק קאנצענטרירט אויף צו העכערן די הכנסות פונעם וויכטיגן "בן גמלא" פראיעקט, וואס איז אלץ געווען א שטארקער רוקן-ביין פאר די מוסדות בפרט היינט צו טאג ווען עס זענען ליידער פאראן זייער אסאך בני עניים אין די מוסדות, און די הנהלה איז דערפאר זייער אנגעוויזן אויף די ספאנסערשיפ פונעם ציבור צו קענען אויסצאלן דעם גרויסן דעפיציט וואס ווערט געשאפן דורך די פילע בני עניים.

הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה.

## מנהל הר"ר משה ארי' גוטמאן שליט"א וועט אדרעסירן:

# וויאזוי צו בויען א קשר מיט'ן קינד

איינע פון די וויכטיגע מאמענטן ביים היי-יעריגן דינער אויף וואס דער ציבור קוקט ארויס מיט שפאנונג, איז אויף די 'חינוך רעדע' וואס מ'וועט היי-יאר אי"ה הערן פון איינער פון די בארימטע מנהלים רוחניים אין תלמוד תורה, הר"ר משה ארי' גוטמאן שליט"א, מנהל סניף נורסערי-קינדערגארטן, וועלכער וועט איבערגעבן פארשידענע וויכטיגע הערות און געדאנקען אין חינוך, וואס איז אין די אינטערעסע פאר אלע חשוב'ע עלטערן.

הר"ר משה ארי' שליט"א איז בארימט מיט זיינע טאלאנטפולע כוחות און געבענטשטע פארשטאנד אין חינוך, טראגנדיג מיט גרויס אחריות און הצלחה די פאזיציע פון מנהל פון די פארצווייגטע נורסערי-קינדערגארטן אפטיילונג מיט אירע איבער 500 צאן קדשים כ"י בליעה"ר.

עס איז נישט קיין סוד וואס הר"ר משה ארי' שליט"א באדייט אין תלמוד תורה, וויפיל עס איז אים צו פארדאנקען פאר'ן הויכן חינוך ניווא, און טאקע דערפאר הערשט אזא אינטערעסע ביים גאנצן ציבור צו הערן וואס ער האט צו אדרעסירן און מיטצוטיילן מיט'ן עולם, איבער די נושא "בויען א קשר מיט'ן קינד".

חנוך לנער עפ"י דרכו.

### ספר "זקניך ויאמרו לך" ח"ג וועט פארטיילט ווערן במתנה פאר תומכי מוסדותינו

אלס א פאסיגע מנחת מזכרת פון דעם הערליכן דינער השנתי וועט אי"ה אויך היי-יאר פארטיילט ווערן דער זעלטענער אינהאלטסרייכער מתנה ספר "זקניך ויאמרו לך", דאס מאל שוין דער דריטער באנד.

עס איז שוין כמעט א 'חזקה', אז ביי די דינער'ס פון די מוסדות ווערט פארטיילט במתנה א דיקער חיבור 'זקניך ויאמרו לך', אין וועלכן עס ווערן צוזאמגענומען און הערליך שיין אפגעדרוקט די זקניך גליונות וואס ערשיינען אין לויף פונעם יאר מדי שבת בשבתו.

דער חיבור ווערט אויפגענומען מיט א זעלטענעם נייגער און תענוג רוחני ביי אלע משתתפים, און במשך דעם גאנצן יאר ליגט דער הערליכער פולפארביגער ספר אויפן טיש פון אסאך אידן מאנ"ש און זיי דערציילן דערפון סיפורים נפלאים אשר ממקור טהור יהלכון.




מתן שכרה בצדה.

## משא המעמד ודברות קודש וועט משמיע זיין כ"ק מרן רבינו שליט"א

דער הויכפונקט פונעם מעמד וועט אי"ה זיין די צענטראלע דרשה ודברות קודש וואס מ'וועט אי"ה האבן די זכי' צו הערן מפום ממלל רברבן כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, אויף וואס דער גאנצער ציבור קוקט ארויס ברגשי קודש ובצמאון לדבר ה'.

דעם רבי'נס דרשה איז אלע יארן דער הויכפונקט פונעם דינער, וואס ברענגט ארויס דעם סך הכל וחובת השעה פונעם אוונט, און מיט אט דעם זיסן טעם אין מויל צעגייט זיך דער ציבור פונעם מעמד.

בפרט אין די לעצטערע יארן איז דעם רבי'נס דרשה פארוואנדעלט געווארן אלס דער צענטראלער דרשה ומשא המעמד איבער חינוך און אנדערע יסודות'דיגע ענינים העומדים ברומו של עולם וואס איז נוגע אלע עלטערן און תושבי הקרי', וואס דער רבי שליט"א שפירט פאר וויכטיג ארויסצוברענגען אין די פאסיגע געלעגנהייט, ווען דער גאנצער ציבור געפינט זיך צוזאמען תחת קורת גג אחד.

א חיבה יתירה האט דעם רבי'נס דרשות ביי די יערליכע דינערס לטובת די הייליגע מוסדות אין קרית יואל, צו וועלכן ער איז צוגעבינדן מאז ומקדם באהבה עזה וקשורה, וואס דאס שפיגלט זיך ארויס פון צווישן די ווערטער וויאזוי דער רבי רעדט צום ציבור און ברענגט ארויס זיין התקשרות צו די מוסדות.

פאר בן גמלא תומכים.

אין צוגאב וועט אויך היי-יאר פארקומען א "זמן גורל" וואס וועט אי"ה ארויסגעצויגן ווערן ביים ענדע פונעם דינער. דער גורל וועט פארקומען אויף א הערליכע זילבערנע וויין פלאש, פאר די אלע וואס ערשיינען צום דינער ביז 9:15 שארפ.

ז תורה וזו שכרה.

## ווערדפולע גורלות

# פאר 'קעש אויפ'ן פלאץ'

## ציעט גרויסע אינטערעסע

אזוי ווי דער פינאנציעלער מצב פון די מוסדות איז היי-יאר אויסטערליש שווער, און די הנהלה איז קריטיש אנגעוויזן אויף דעם מאקסימום קעש אויפ'ן פלאץ, דעריבער האט די הנהלת המוסדות פראקלאמירט היי-יאר א "באנוס שאפינג צענטער גורל", ווי יעדער נדבן וואס גיבט צום דינער $360 גייט אריין אין א גורל צו געווינען א קרעדיט אין יעדע געשעפט פון די שאפינג סענטער.

דאס איז אין צוגאב צו די יערליכע 'קעש גורלות', וואס די אלע וואס געבן $250 צום דינער גייען אריין אין א גורל אויף הונדערטער ווערדפולע און גאר ניצבארע ארטיקלען.

ווי אלע יארן, וועט מען אויך היי יאר קענען אריינגיין אינעם גורל דורך באצאלן דעם גאנצן נדבה מיט א "קרעדיט קארד" אדער "העד טשעקס", וואס דאן באקומט מען אויך ראפעלס פאר'ן גאנצן סכום וואס מ'איז מנדב.




ספעציעל ווערט אנגעוויזן פונעם דינער אפיס, אז ווען איינער באצאלט מיט א קרעדיט קארד במשך פון יאר דעם סכום פון $660 (וואס איז די מינימום 'בן גמלא' פרייז פער יאר), גייט ער אויטאמאטיש אריין אין אלע 5 גורלות וואס ווערן דורכגעפירט פאר די תומכי המוסדות במשך דעם יאר: 'קעש אויפ'ן פלאץ' גורל; באנוס שאפינג צענטער גורל; ביומו תתן שכרו גורל - ניסן; בן גמלא אפדעיט גורל - ניסן; און אלול נסיעה גורל

# וועכנטליכע 'בן גמלא' גליונות שטארק אויסגענומען

די 'בן גמלא' טעמע איז שוין עטליכע וואכן דער געשפרעך ביים ציבור, וואס גייט סינאנים מיט'ן היי-יעריגן דינער קאמפיין, ווען אלעס דרייט זיך ארום 'בן גמלא'.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אפצייכענען היי-יאר 20 יאר פונעם בן גמלא פראיעקט האט די הנהלת המוסדות ארויסגעגעבן די לעצטע פאר וואכן די סעריע 'בן גמלא' גליונות, אין וועלכן עס איז אויסגעשמועסט געווארן פארשידענע אינטערעסאנטע פרטים איבער דעם תקנת רבי יהושע בן גמלא זעלבסט, און איבער די וויכטיגקייט פון די תקנה למען החזקת בני עניים במוסדות קרית יואל, וואס דער ציבור האט דורכגעליינט מיט אינטערעסע מדי שבת בשבתו.

במשך די פארגאנגענע וואכן איז גאר ערליך אויסגעשמועסט געווארן די פאלגנדע קאפיטלען: דער יסוד התקנה בזמן שבית המקדש היה קיים און די השתלשלות וויאזוי די תקנה איז באפעסטיגט געווארן במשך די דורות; דער חיוב עפ"י הלכה אויף די בני העיר אויסצוהאלטן די בני עניים וואס זייערע עלטערן זענען נישט ביכולת צו צאלן שכר לימוד; א בליק אויף די אייגנארטיקייט פון מוסדות קרית יואל און די הויפט סיבות פארוואס די מוסדות האבן פראצענטועל די העכסטע צאל בני עניים; די אמת'ע קאסטן וויפיל עס באטרעפט א קינד פאר די מוסדות און די 'פאקטישע' פרייזן וואס 'רוב' עלטערן צאלן, דערצו די פילע ערליי בני עניים וואס צאלן 'גארנישט' צוליב פארשידענע סארט סיבות; עטליכע דראמאטישע געשיכטעס פון בני עניים אין די מוסדות; הלכה למעשה די דריי ערליי לעכער וואס ווערן געשאפן דורך די פילע בני עניים און די דריי אופנים פון 'בן גמלא' וויאזוי צו דעקן די לעכער; א הויפן מאמרי חז"ל איבער די געוואלדיגע זכותים בזה ובבא פאר די וואס שטיצן בני עניים שמהם תצא תורה.

אט די אלע קלארע פאקטן און פרטים אראפגעשריבן קלורין לעינים האט געעפנט די אויגן פונעם ציבור און געברענגט א שטארקע ווארימקייט און אויפמערקזאמקייט איבער די וויכטיגקייט פונעם 'בן גמלא' פראיעקט לטובת החזקת בני עניים במוסדות קרית יואל.




המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו.



# פונעם 'בעסטן זיידן' האט מען פארגעסן?...

ווארט דער גאנצער עולם אומגעדולדיג, קיינער ווייסט נישט פארוואס מען שלעפט אזוי לאנג די צייט, אבער דער טאטע ר' ברוך גייט ארום אנגעצויגן, און טרעט נאכנישט צו צום ברית.

מער ווי איינער איז שוין צוגעגאנגען אים פרעגן דערויף, אבער ער ענטפערט עפעס נישט, ער דרייט זיך ארום, און זיין בליק פאלט יעדע קורצע ווײַלע צו די טיר.

ענדליך, עפנט זיך די טיר, אן ארימער ארחי פרחי שלייכט זיך שטילערהייט אריין אין שוהל'כל, די אויגן ביי ר' ברוך שטראלן אויף, און מען טרעט באלד צו אפצורעכטן דעם ברית, פאר זיין ניי געבוירן קינד.

- "ויקרא שמו בישראל"... ר' ברוך בייגט זיך צו און זאגט "אריה ליב"!

מזל טוב! מזל טוב! אלע אנוועזנדע געלאדנטע געסט וואונטשן הארציג אן דעם בעל שמחה, און יעדער איז פריילך ביז גאר. אבער ר' ברוך רופט זיך אן, אז ער וויל אויך באקומען א ברכה פון די ארימעלייט אין עק פונעם שוהל, יעדער באזונדער זאל אנוואונטשן אים מיט'ן קינד.

גייט מען מיט'ן קינד פון איין ארימאן צום צווייטן, יעדער גיט

זיין ברכה לויט זיין אייגנארטיגן שטייגער, ביז ענדליך קומט מען אן צו אט דעם ארחי פרחי - וועלכן קיינער (חוץ ר' ברוך) האט נישט דערקענט אלס הייליגער בעל שם טוב זצ"ל, נאך זייענדיג באהאלטן ווי א פשוט'ער ארימאן - און ער האט אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט, ארויפגעלייגט אויפן קאפ פונעם קליינעם, און הויך אויסגערופן:

**"איך בין ליידער א פשוט'ער עם הארץ, איך ווייס נישט וויאזוי צו בענטשן אויף לשון הקודש, אבער איך געדענק עפעס וואס מען האט מיר געלערנט אלס קליין קינד אויפן פסוק "ואברהם זקן", אז א טאטע רופט מען "אב", און א זיידע רופט מען "זקן", ואברהם זקן, אברהם איז אונזער זיידע... וואונטש איך אויך דאס קינד, ער זאל זיין דער זיידע פון כלל ישראל"...**

דער גאנצער עולם האט זיך צעלאכט פון די מאדנע ווערטער, אבער ר' ברוך האט שטילערהייט געענטפערט "אמן"!

אט אזוי, מיט די ברכה פון הייליגן בשעטה"ק זי"ע, האט כלל ישראל צובאקומען א הייליגער זיידע, הרה"ק ר' ארי' ליב, דער שפאלער זיידע זצ"ל.

עס לויפן אדורך פילע יארן, און ביי כלל ישראל קומען ב"ה צו פרישע "זיידעס"...

צוואנציג יאר צוריק (לויט חז"ל איז 20 יאר א גאנצער דור!) האבן טייערע חשוב'ע אידן אנשי שלומינו געטאן א גוטע פעולה, א געוואלדיגע צדקה, וואס מיר באגרייפן בכלל נישט איר גרויסע ווערד. נעמליך, זיי האבן גלייך זיך אנגעשלאסן אין דעם נייעם "בן גמלא" פראיעקט פון מוסדות קרית יואל, מיט'ן ציל אויסצוהאלטן א בן עני, א היימיש אידיש קינד, פון דא אין קרית יואל, צו קענען לערנען תורה און אויפוואקסן מיט יראת שמים און מדות טובות.

צי זיי האבן געהעריג באגריפן די געוואלדיגקייט פון זייער צדקה, ווייסן מיר נישט. אבער אויבן אין הימל שטייען די הייליגע חז"ל און זאגן אונז קלאר: "כל המלמד את בן חבירו תורה, מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו!", און ווי די ספרים ערקלערן דאס (זעהט אין די 'בן גמלא בראשורן' וואס די הנהלת המוסדות האט היי יאר צעשפרייט), איז דאס "כאילו ילדו ממש"!

יארן ריקן זיך צוביסלעך, א יאר נאך א יאר, גדיים נעשו תיישים, די קינדערלעך וואקסן אויף, פון א קינד ווערט א בחור, פון א בחור ווערט א יונגערמאן, און פון א יונגערמאן ווערט א טאטע בשעטומ"צ.

ווערט א קליין יונגעלע דריי יאר אלט, נעמט מען אים ארום מיט א טלית און מען גייט אין חדר אריין, דער טאטע שטראלט, דער זיידע קוועלט, און... נאך א זיידע איז פארהאן, וועלכער ווייסט אפילו נישט אז ער איז היינט א בעל שמחה...

יא, נישט נאר אין שפאלע, נאר אויך דא אין קרית יואל, זענען פארהאן "זיידעס" פאר כלל ישראל! פשוטו כמשמעו!

אין הימל איז שמחה וששון, נאך א אידיש קינד לעקט האניג, ער גייט אנהייבן שטייגן אין תורה ויראה, נאך א סאלדאט אין באשעפער'ס מיליטער אויף דעם עולם השפל.

דא אונטן איז אויך שמחה וששון, די גאנצע משפחה פריידט זיך איינאיינעם, מען טרינקט לחיים, מען וואונטשט ברכות, און עלטערן זענען הייס מתפלל צו זען אסאך אידיש נחת.

**אבער, פון איינעם האט מען ווי פארגעסן... פונעם 'בעסטן זיידן'... דעם "זיידן" האט מען נישט געלאדנט צו די שמחה, ער איז גאר פארנומען דעמאלט מיט זיינע געשעפטן, און מעגליך פונקט אין יענעם פרייליכן טאג, שרייבט ער אויס זיין חודש'ליכן טשעק פאר "בן גמלא"... פאר זיין אייניקל...!!!**

איז עס דען א יושר? קומט זיך נישט אמאל פאר דעם "זיידן" אויך אן ארט אויבנאן ביי א שמחה?...

זיכער אז יא! און דער טאג קומט אט אט אן בעז"ה, היינטיגן מוצאי שב"ק פ' וישלח וועלן זיך די "זיידעס פון כלל ישראל" צוזאמענקומען ברוב עם הדרת מלך, און פייערן די "שמחות" פון זייערע זיסע אייניקלעך...!!!

און מיר?.... מיר וועלן זיך אלע מיטפרייען מיט זייער שמחה, און אויסשרייען א הארציגן אמן אויף זייער וואונטש צו אונז: "אי"ה ביי אייך אויף שמחות"...

שאל אביך ויגדך "זקניך" ויאמרו לך:

# תשב"ר געבן איבער הערליכע עפיזאדן איבער החזקת מוסדותינו אין 'זקניך' גליונות ערב דינער

אין די פארגאנגענע וואכן בעפאר'ן דינער האט דער ציבור דורכגעליינט מיט ספעציעלע אינטערעסע די אינהאלטסרייכע 'זקניך' גליונות פון די תלמידי מוסדותינו, אין וועלכן די טייערע קינדער האבן איבערגעגעבן גאר אינטערעסאנטע סיפורים ועובדות איבער החזקת מוסדותינו הק', בשייכות מיט'ן דינער קאמפיין.

אין די לעצטערע וואכן האבן די קינדער גע'עסקנ'ט פאר'ן דינער מיט גרויס התלהבות, זיך ארויסלאזנדיג מיט א שוואונג צו זייערע עלטערן און משפחה וכדו', יונק צו זיין עפעס א גוטע מעשה, אן עובדא, א מופת וכדו', וואס זיי האבן מיטגעלעבט פערזענליך, אדער ביי רבוה"ק זי"ע, איבער החזקת המוסדות. אויסער וואס דאס האט שטארק עושה רושם געווען ביים ציבור, האט דאס ארייגעברענגט א שטארקע ווארימקייט ביי די קינדער זעלבסט, צו ווערן אויפגעצויגן שוין מימי נעוריהם מיט א ברען פאר די הייליגע מוסדות.

ווי באקאנט ערשיינט שוין ב"ה דריי יאר כולן שוין לטובה דער וועכנטליכער גליון 'זקניך' - וואס איז לעצטנס אנגעקומען שוין צו דער נומער 150 - אין וועלכן עס ווערן איבערגעגעבן שיינע סיפורי קודש וואס די צאן קדשים זענען דולה ומשקה פון זייערע זיידעס און באבעס, משפחה קרובים, עלטער פעטערס, און אנדערע זקני שארית עמך בית ישראל, איבער סיי וועלכע אינהאלטסרייכע זכרונות און עובדות פון דער אלטער היים און ביי די פריערדיגע צדיקים, וואס שטעלט זיך ארויס אלס א וואונדערבארער תועלת, מהדק צו זיין די קשר צווישן די קינדער און די עלטערן און זיידעס.

אצינד ווען מ'האט געהאלטן בעפאר'ן דינער האט מען מקדיש געווען די פאר וואכן אויף די טעמע פון החזקת המוסדות, און אין א גאר קורצע צייט האבן די טייערע קינדער טאקע באוויזן צוזאמצוקלויבן הערליכע ערשט-האנטיגע סיפורים וויאזוי אידן האבן געזען ישועות בזכות החזקת המוסדות, צי איבער די זעלטענע התקשרות פון רבותה"ק זי"ע צו די הייליגע מוסדות, ובמיוחד גאר מערקבארע פונקטן איבער די וויכטיגקייט פון שטיצן די בני עניים שמהם תצא תורה.

ישמח האב ביוצא חלציו.

אין דעם יעצטיגן שווערן מצב!
שטרענגט אייך אן צו ברענגען די
מאקסימום נדבה צום דינער!

ובזכות זה זאל חל זיין אויף אייך ברכת רביה"ק זי"ע:
**"ווער עס וועט העלפן מיינע מוסדות וועל איך קיינמאל שולדיג בלייבן"**

מאפע פון "בית רחל פאראדייס" - לרגל מעמד הדינער לטובת מוסדות קרית יואל - מוצש"ק פ' וישלח תשע"א לפ"ק



United Talmudical Academy of Kiryas Joel Inc.
ישיבה תורה ויראה ובית רחל דרבינו יואל מסאטמאר קרית יואל
55 Forest Rd, # 201, Monroe, NY 10950
845-783-5800 – Fax: 845-782-1922

# שיר השירים אשר לשלמ"ה!

שיר השירים אשר לשלמ"ה, נביע בזה בקול רגש והומה, לאות ולתעודה, מעל כל מידה
מש"ה זה האיש לנו מגדולי הנדיבים, בסכומים חשובים, בנפש חפיצה ושלמ"ה
לחן ולכבוד נודע בישראל, רב פעלים מקבציאל, הולך בדרכי אבותיו זה האות אשר ש"ם קל
ש"ם טוב משמן טוב, בכל דבר קודש ידיו לו רוב, חכם לב יקח מצות זה מש"ה
מגדולי הנדיבים להוצאת ספרי דמר"א ט"ב של הוד מרן רבינו שליט"א להשקה תורתו, לעם סגולתו
הוד והדר פעלו לטובת מוסדותינו ברוח חי, שכרו הרבה מאוד עד בלי די, רב לך בן הלו"י
הלא הוא כבוד האי גברא יקירא כדת וכראוי, ה' נתן חכמה לשלמ"ה חכימא דיהודאי

**מע"כ ידידינו הרבני החסיד המפואר, מוכתר בכל תואר, בנש"ק זר"ע קוד"ש מחצבתו**

# מוה"ר שלמה משה הלוי קלאגסברוין הי"ו

הוא הגבר אשר עומד לימיננו בסכומים הגונים, בכל עת ועונים, ובמיוחד מש"ה הוא האיש אשר גם זיכה וזכה להיות מן הנחשונים,
**בקניית זכות חדרים ב"בנין בית רחל" החדש**

## לרגל שמחה הכפולה במעונו בשעה טובה ומוצלחת

## שמחת נישואי נכדתו

**הכלה החשובה תחי'**
בת בנו ידידינו המפואר בתהלה,
עומד לימיננו בלב ובנפש מאד נעלה
הרה"ח ר' **ידידי' הלוי** הי"ו

## שמחת נישואי נכדו

**הבה"ח המו"מ נ"י**
בן בנו החשוב, הרבני הנכבד
והנעלה זר זהב לו סביב
הרה"ח ר' **יושע הלוי** הי"ו

מזלא טבא וגדיא יאה, נברכו מעומקא דליבאי, יזכה לראות סימן ברכה בכל מעשי ידיו לטובת הכלל והפרט
זה היום נגילה ונשמחה, יה"ר שהזיווג יעלה יפה ברב נחת ברבי' והמשכה, מהם ומכל יוצאי חלציו
לעלמי עלמיא, יתברך בבני מזוני וחיי, עדי נזכה לביאת הגואל ומלכינו בראשינו בעגלא ובזמן קריב

**כעתירת וברכת ברגשי ידידות והערצה**
## הנהלת המוסדות

מתנה

דער הערליכער ספר

# "זקניך ויאמרו לך"

**חלק ג'**

וואס אנטהאלט הונדערטער עובדות וסיפורים,
וואס די חשוב'ע זיידעס האבן פארציילט
פאר זייערע אייניקלעך, תלמידי מוסדותינו הק'

**וועט פארטיילט ווערן אי"ה פאר אלע תומכי המוסדות**

## ביז 10:30 אווענט

**אזוי ווי מיר האבן געדרוקט א מספר מצומצם,**
**איז ראטזאם צו קומען ווי פריער.**
מיר נעמען נישט קיין אחריות אויב די מתנות
וועלן אויסגיין פאר דעם אויבנדערמאנטן זמן.




## דעם מוצש"ק

בשעה 7:30
**בית רחל**
**פאראדייס**

זמן גורל

## אלע משתתפים ביים דינער

# ביז 9:15

וועלן אריינגיין אין א ספעציעלן

## "זמן גורל"

אויף א הערליכע

# זילבערנע "וויין פלאש"

**וואס וועט אויסגעראפעלט ווערן**
**ביים דינער!**



בס"ד

## עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר — דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום!

# דינער השנתי למוסדותינו הק'

# מוצש"ק פ' וישלח הבעל"ט

## הלה המה מחזיקי בני עניים

(עפ"י סדר הא"ב)

הרב העניך אשכנזי שליט"א
הרב ברוך טייטלבוים שליט'א
הרב שמחה שלום שטיינבערגער שליט"א
מו"ה אברהם מאיר איצקאוויטש נ"י
מו"ה ירחמיאל ביטמאן נ"י
מו"ה טובי' (בר"צ) בראך נ"י
מו"ה יושע בראך נ"י
מו"ה משה מאיר גאטליעב נ"י
מו"ה הערש גאלדבערגער נ"י
מו"ה יוסף (בר"י) גאלדבערגער נ"י
מו"ה יצחק אלעזר גאלדבערגער נ"י
מו"ה משה גאלדשטיין נ"י
הר"ר בערל גלאנץ נ"י
מו"ה יחזקאל משולם גלויבער נ"י
מו"ה אלי' (בר"ז) גליק נ"י

מו"ה שלמה לייב גליק נ"י
מו"ה ליפא גראס נ"י
מו"ה יושע ארי' גרינוואלד נ"י
מו"ה דוד לייב גרינפעלד נ"י
מו"ה יצחק גרינפעלד נ"י
מו"ה נתן יושע גרינפעלד נ"י
מו"ה ברוך יודא דרעזנער נ"י
מו"ה יעקב יוקל (בר"מ) הירש נ"י
מו"ה מאיר הירש נ"י
מו"ה שמעון הירש נ"י
הר"ר שלמה זלמן וויינבערגער נ"י
מו"ה שמואל לייביש וויינבערגער נ"י
מו"ה הלל ווייס נ"י
מו"ה ישראל (בר"י) ווייס נ"י
מו"ה שאול לייב זאלדאן נ"י

בכבוד רב וברגשי הוקרה והערצה נעלה ברכותינו העמוקים,
על ראש ידידינו תומכי תורה ומחזיקים, לדבר שבקדושה
ראשונים, שוועת עניים שומע ועונים

הן המה נחשונים שנמנו לדבר מצוה
משנה הראשונה
של התייסדות

## "מפעל בן גמלא"
## שע"י מוסדותינו הק'

אשר זה עשרים שנה כ"י אשר להם חלק שותפות וזכות תמידי בהחזקת בני עניים במוסדותינו הק' מאז שהוקם המפעל בשנת "ובו תנש"א מלכותך" ע"י מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זצוק"ל להעמיד הדת על תילה ולחדש איתן תקנת רבי יהושע בן גמלא בזמן שבית המקדש היה קיים

אשר בדין הם שיטלו שכרם להתעטר בכתר תורה וכתר שם טוב

# "נזר בן גמלא"

בדינער השנתי ומעמד "יובל העשרים" להתייסדות "מפעל בן גמלא"

## מוצש"ק פ' וישלח הבעל"ט

להם נאה ויאה, לאות הוקרה על נדבתם הנפלאה,
להחזקת בני עניים שמהם תצא תורה ויראה, ולהם הזכות קיימי וקאי

כעתירת וברכת,
**הנהלת המוסדות**

## כ"א בשמו הטוב יבורך ויתהלל

מו"ה אפרים טייטלבוים נ"י
מו"ה יחזקאל כהנא נ"י
מו"ה שמואל זנוויל (בר"י) כהנא נ"י
מו"ה דוד אהרן לאנדא נ"י
מו"ה וואלף (בר"מ) לאנדא נ"י
מו"ה משה אליעזר אלי' לאנדא נ"י
מו"ה משה שמואל לאנדא נ"י
מו"ה שמואל אהרן לאנדא נ"י
הר"ר דוד ליכטענשטיין נ"י
מו"ה משה מאסרי נ"י
מו"ה וואלף מענדלאוויטש נ"י
הר"ר חיים הערש מענדלאוויטש נ"י
מו"ה אברהם סאלינסקי נ"י
מו"ה אליעזר דוד עפשטיין נ"י
מו"ה בערל (ברמ"א) פאלאטשעק נ"י

מו"ה יעקב פארגעס נ"י
מו"ה וואלף (בר"ל) פארקאש נ"י
מו"ה מעכיל פעלדמאן נ"י
הר"ר מאיר אליעזר פריעדמאן שליט'א
מו"ה משה חיים פריעדמאן נ"י
מו"ה שמעון (בר"ה) פריעדמאן נ"י
מו"ה יצחק משה פרענקל נ"י
מו"ה חיים אלי' צוויבעל נ"י
מו"ה שמעון משה קעפעטש נ"י
מו"ה אביגדור ראזענבערג נ"י
הר"ר נחום שמשון שווארץ נ"י
מו"ה מאיר זאב שטערן נ"י
מו"ה מרדכי שלעזינגער נ"י
הר"ר ישראל העניך שעהר נ"י

Dart Design | 845.782.6558

ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ:

# מוסדות הק' ווירבלען מיט קרוב צו 6,500 תלמידים ותלמידות כ"י

## הרחבת גבולי הקדושה אין פארשידענע אפטיילונגען פון די מוסדות הק'

**דער נייער ווינטער זמן תשע"א האט זיך ב"ה אנגעהויבן מיט גרויס הצלחה אין אלע כיתות פון די מוסדות הקדושים אין קרית יואל, ווען עס זענען צוגעקומען פרישע כיתות אין מערערע קלאסן, און פרישע תלמידים זענען צוגעקומען א דאנק וואס עס האלטן אין איין צוקומען פרישע תושבים וואס קומען זיך באזעצן אין קרית יואל און בכלל דער אייגענער וואוקס און בלי בליעה"ר, וואס אלעס צוזאמען פארמאגט די מוסדות היינט צו טאג קרוב צו 6,500 תלמידים ותלמידות כ"י.**

**איבעראל הערשט ב"ה א פרישקייט, די הנהלת המוסדות האט זיך געלאזט קאסטן איבעראל מוסיף צו זיין פרישע איינריכטונגען וואס האט זיך אויסגעפעלט פאר די הצלחה, און אלע מנהלים און מרביצי תורה האבן מיט פיל חיזוק אנגעהויבן דעם זמן, די פרישע מסכתות און נייע מקצועות, מיט'ן איינציגן ציל צו קענען מחנך זיין און מגדל זיין דורות ישרים ונאמנים לה' ולתורתו הק'.**

**אין די זעלבע צייט שרייט ארויס דער לחץ ז הדחק פון איבעראל, אין די צייט וואס מ'בויעט דעם בנין פאר די מיידל שולע, זענען די מוסדות פון די תלמוד תורה איבערגעפולט עד אפס מקום, און די הנהלת המוסדות ליגט שטארק אין פלענער וויאזוי אהערצושטעלן געווג פלאץ צו לינדערן דעם מאנגל.**

### הויכע צאל פאראלעל קלאסן קע"ה ביי די יונגלעך:

**דער זמן האט זיך אנגעפאנגען מיט א הויכע צאל פאראלעל קלאסן כ"י, וואס איז א קלארע רעזולטאט פונעם "כן ירבה וכן יפרוץ".**

- די נוירסערי און קינדערגארטן אפטיילונג, אונטער'ן אנפירערשאפט פון הרב ר' משה ארי' גוטמאן שליט"א, האט זיך געעפנט מיט 24 קלאסן קע"ה, און יעדע שטיק צייט קומט צו נאך א קלאס. דאס איז אויסער די העדסטארט אפטיילונג וואס באשטייט פון 4 קלאסן.
- כיתה א' האט געעפנט דעם זמן מיט 12 קלאסן פאראלעל, וואס ווערט געניט אנגעפירט דורך הרב ר' דוד חנני' ווייס שליט"א, וואס לערנט במשך דעם יאר לימוד א' ב' און עברי, און ענדיגן דאס יאר מיט'ן מסיים זיין ספר תהלים, און אויך עטליכע פסוקים חומש ויקרא.
- כיתה ב' מיט אירע 12 פאראלעל קלאסן און כתה ג' מיט אירע 12 פאראלעל קלאסן, שטייט אונטער די הנהלה פון הרב ר' משה הערש קליין שליט"א ולידו הרב יודא הערש בערגער הי"ו. אין כיתה ב' לערנט מען עברי און התחלת חומש ורש"י, און אין כיתה ג' לערנט מען חומש רש"י מיט משניות מס' ברכות, אין צוגאב פון א צאל זייטיגע לימודים ווי הלכות און התנהגות טובה, אין וועלכן עס ווערט אריינגעלייגט גרויסע כוחות מצד דעם מנהל שליט"א און די געטרייע מלמדים.
- כיתה ד' איז צום ערשטן מאל געוואקסן

ביז 12 פאראלעל קלאסן כ"י, און מ'האט געדארפט עפענען דריי נייע כיתות, וואס מ'האט 'געבארגט' פון די קינדערגארטן אפטיילונג. ווי פארשטענדליך הערשט א שטארקע ענגשאפט אינעם בנין, און דער מנהל האפט גאר שטארק אז ווען מ'וועט ענדיגן מאכן פלאץ פאר די העכערע כיתות וואו דער לחץ וז הדחק איז שרעקליך, וועט מען שוין זוכן א ברייטערן מקום פאר כיתות ד' ה' אויך, וואס וואקסט בליעה"ר אלס אן אימפעריע בפני עצמה. כיתה ה' פארמאגט 9 קלאסן כ"י. ביי די כיתות ד' ה' גייט אן די לימודים אזוי ווי עס איז איינגעשטעלט געווארן אין די לעצטערע יארן דורכ'ן מנהל רוחני הרב ר' יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א, כיתה ד' אין מס' ברכות, און כיתה ה' אין מס' בבא מציעא, און א צאל זייטיגע לימודים, ווי הלכות, ידיעות שונות, שרייבן, וכדומה, פון וואס עס ווערט אויסגעדרוקט שטארקע צופרידנהייט.

- ביי די כיתה ו' וואס האט 10 קלאסן און כיתה ז' וואס האט 9 פאראלעל קלאסן, אונטער'ן מנהל רוחני הרב ר' נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א, איז במשך די לעצטע יארן איינגעשטעלט דעם סיסטעם אז כיתה ו' זאל לערנען פרק "לולב הגזול" אין מס' סוכה, און כיתה ז' פרק "כל שעה" אין מס' פסחים, וואס אויסער די מעלה אז די פרקים זענען זייער צוגעפאסט פאר די תלמידים אין די כיתות, און וועט בעז"ה פיל צוגעבן צו העלפן אויסרייבן די הבנה פאר די קינדער, האט דאס נאך א תועלת אז וויבאלד די תלמידים וועלן במשך די צווי יאר בע"ה לערנען ארום 40 בלאט גמרא, וועט דאס שטענדיג געבן חשק איבערצו'חזר'ן און בשעת די גרויסע פארהער אויך זיך לאזן פארהערן אויף די פרקים.

- כיתה ח' וועלכע באשטייט שוין פון 8 פאראלעל קלאסן, אונטער'ן מנהל רוחני הרב ר'


חקת

משולחן מלכים

שיחות קודש שנשמעו מפי כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

פנימי — קכד — בלתי מוגה

ביקור כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א

בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א – בקרית יואל יע"א

יום ד' פרשת חיי שרה תש"ע לפ"ק

האדמו"ר ממשכנות הרועים סיפר לרבינו בהתרגשות ממה שעיניו ראו כשהתפלל שחרית עם צעירי הצאן ילדי התלמוד תורה כיתות ד' ה' בצוותא חדא.

**רבינו:** ס'איז זייער א ערליך דאווענען, מיר איז שוין אויך אויסגעקומען מערערע מאל צו דאווענען מיט זיי, מ'דאווענט זייער ערליך, אנגעהויבן פון די ברכות ביז הודו אויך זאגט מען אלעם בציבור.

**אדמו"ר ממשכנות הרועים:** מ'זאגט די ברכות מיט א געשמאק, און מ'ענטפערט ברוך הוא וברוך שמו, און די קרבנות און קטורת...

**רבינו:** מ'דארף מחנך זיין די קינדער אז דאס דאווענען הייבט זיך אן ביי מה טובו.

**אדמו"ר ממשכנות הרועים:** כ'בין ממש מקנא, ווי נעמט מען נאך אזא דאווענען, מ'שפירט ממש... ס'ברענגט אריין אמונה.

**רבינו:** מ'איז מחנך קליינע קינדער מיטן דאווענען, כדי ס'זאל איבער בלייבן אויף די שפעטערדיגע יארן.

**אדמו"ר ממשכנות הרועים:** אפילו שפעטער ווען מ'איז שוין טרוד, אבער עפעס בלייבט.

**רבינו:** יא ס'בלייבט אין איהם א שמנונית רוחני.

**אדמו"ר ממשכנות הרועים:** דורך תפילה ווערט מען נענטער צום אויבערשטן.

**רבינו:** תפילה איז א לשון פון דביקות.[3]

קול התאחדותינו שע"י התאחדות האברכים ד'סאטמאר בני ברק

כב

חיים זאב שפילמאן שליט"א, האט אנגעהויבן צו לערנען פרק האשה נקנית אין מס' קידושין. אויסער א צאל זייטיגע לימודים פון הלכות כיבוד אב, נ"ך, יגעת ומצאת און אנדערע בלעטער פון מס' קידושין וואס מ'לערנט ביי 'מתמידים' וואס ווערט אנגעפירט דורכ'ן מנהל שליט"א.

- כיתה ט' מכינה לישיבה איז צעטיילט אין 8 כיתות, און שטייט אונטער די הנהלה פון הרב ר' ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א. מ'לערנט היי-יאר פרק האשה נקנית אין מס' קידושין, מיט'ן ציל במשך דעם יאר צו לערנען און איבער'חזר'ן אויך די אנדערע פרקים אין די מסכתא, און צום ענדע יאר מסיים זיין די גאנצע מסכת. אויסער דעם ווערט געלערנט א ריי מיט זייטיגע לימודים ביי יעדע כיתה באזונדער, אין חומש רש"י, נ"ך, הלכות נטילת ידים והלכות תפילה והשכמת הבקר, הלכות תפילין, וואס שטעלט ארויף דעם ניווא פון די מוסדות הקדושים עד לאין ערך בס"ד. באזונדער איז באקאנט דער סדר פון לימוד חומש רש"י אין כיתה ט' וואס מ'לייגט אריין שווערע כוחות יעדע וואך צו ענדיגן די גאנצע סדרה בעיון, און עס ווערט פארהערט דורך א בחינה בכתב בע"פ מידי שבוע בשבוע.

- די ישיבה קטנה חלק א' בהנהלת הרה"ג ר' אברהם חיים



אליעזר דאווידאוויטש שליט"א האט זיך געעפנט מיט 4 כיתות און די ישיבה קטנה חלק ב' בהנהלת הרה"ג ר' חיים לייב זילבערשטיין שליט"א האט זיך געעפנט מיט 3 כיתות (לייענט אויספירליכע באריכט אין באזונדערע נייעס).

- די ישיבה לצעירים ח"א בהנהלת הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"ץ, פארמאגט 5 כיתות, און אויך די ישיבה לצעירים ח"ב בהנהלת הרה"ג ר' וואלף לאנדא שליט"א פארמאגט 5 כיתות.

אלעס אינאיינעם (יונגלעך און בחורים פון קינדערגארטן ביז ישיבה לצעירים) קומט אן צום צאל פון 3,061 קינדער קע"ה, צעטיילט אין 131 קלאסן.

## בית רחל

**אין די זעלבע צייט שפרודלט דער נעץ פון "בית רחל" אפטיילונגען, מיט אירע 3,359 תלמידות כ"י, איינגעטיילט אין 133 קלאסן, אונטער די אויפזוכט פון די געטרייע מנהלים הר"ר אלי' שלמה הכהן קאהן שליט"א און הר"ר שלום וועבערמאן שליט"א, וואו מ'לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אינעם חינוך, צו די צופרידנהייט פון אלע גליקליכע עלטערן.**

די בית רחל אפטיילונג פון קינדערגארטן, נוירסערי און העד-סטארט באשטייט פון 33 קלאסן.

די פרי--1עי אפטיילונג באשטייט פון 13 פאראלעל קלאסן.

די עלעמענטרי אפטיילונג באשטייט פון 68 קלאסן, און הויעך שולע באשטייט פון 19 קלאסן.

אינאיינעם איז דער בית רחל א ריזיגע אימפעריע פון 3,359 קינדער וואס לערנען אין 133 קלאסן און זיי ווערן נתחנך על דרך ישראל סבא מיט מדות טובות, צניעות, הלכות, השקפה און אלעס וואס א אידישע טאכטער דארף צו וויסן און פראקטיצירן, ע"ד אבותינו ורבותינו הק'.

## פרישע כוחות אין אלע אפטיילונגען פון די מוסדות הק'

**צוליב דעם פאקט אז עס זענען צוגעקומען פרישע כיתות אין מערערע קלאסן, זענען אויפגענומען געווארן א צאל פרישע מלמדים אין די מוסדות, טייל פון די זענען געווען בעפאר אין יונגערע כיתות און זענען נתעלה געווארן מעלות בקודש.**

אין כיתה ח' איז אויפגענומען געווארן הרב יואל יאזשעף הי"ו; אין כיתה ז' הרב יעקב שלום ווייס הי"ו; אין כיתה ו' הרב משה ווייס הי"ו מלפנים מנהל רוחני בת"ת קראלי וואמסבב"ג וועלכער האט זיך ארויסגעצויגן וואוינען קיין קרית יואל בשטומ"צ, הרב אברהם אהרן מארמארשטיין הי"ו

אין כיתה ד' הרב אלימלך שווארץ הי"ו, הרב יואל בר"צ בראך הי"ו, הרב אלעזר עמרם פריעד הי"ו; אין כיתה ב' הרב ארי' הערשקאוויטש הי"ו; אין כיתה א' הרב שלמה ברוך בר"מ טייטלבוים הי"ו.

ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.



# פאראלעל ישיבות קטנות אנגעהויבן מיט גרויס הצלחה

אנהייב יאר האט זיך געעפנט בשעטומ"צ די טויערן פון די צוויי אפטיילונגען פון די ישיבות קטנות, ווען די הונדערטער בחורי חמד זענען מקיים דעם 'שובו לכם לאהליכם', אהלה של תורה, און צוריקקערנדיג זיך צו די ספסלי בית המדרש.

ארום צוויי הונדערט בחורי חמד האבן בליעה"ר פארענדיגט זייערע לימודים אין כיתה ט' מכינה לישיבה, און האבן ווייטער ממשיך געווען ארויפצוגיין אין די צוויי ישיבות קטנות, וואס יעדע איינע האט א חשבון פון נאנט צו הונדערט בחורי חמד, מיט א ברייטע שטאב פון מגידי שיעור ומשגיחים.

די תלמידי ישיבה קטנה חלק א' תחת הנהלתו פון הרה"ג ר' אברהם חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א און די תלמידי הישיבה קטנה חלק ב' תחת הנהלת הרה"ג ר' חיים לייב זילבערשטיין שליט"א זענען עוסק אין מס' גיטין, סיי שיעור עיון און סיי שיעור ידיעות.



אזוי אויך האט זיך מיט הצלחה אנגעהויבן דער לימוד שולחן ערוך, וואס דאס איז ביי די בחורים א נייער לימוד וואס זיי האבן נאכנישט געלערנט ביז היינט. דער מנהל שליט"א פון ישיבה קטנה ח"א האט קובע געווען אנצוהייבן ביי הלכות קידוש סי' רע"א, וואס איז א שיינע פעסטע מקצוע אין די הלכה אויף למעשה, וואס וועט אינאיינוועגס צוניץ קומען פאר די בחורים ווען זיי וועלן מקיים זיין דעם קובץ על יד און צוזאמנעמען גאנץ הלכות שבת און זיך לאזן פארהערן די מקצוע. און דער מנהל שליט"א פון ישיבה קטנה ח"ב האט קובע געווען דעם לימוד אין שו"ע הלכות ברכת הפירות וואס דאס איז פון די וויכטיגסטע מקצועות וואס איז נוגע ממש מידי יום ביומו להלכה ולמעשה פאר יעדן איד.

די ישיבה קטנה ח"א געפינט זיך אויף איר לאקאל אין בנין פון ישיבת עצי חיים אויף רימנוב קט. און עס איז נתמנה געווארן אלס משגיח הרה"ג ר' איתמר טובי' שווארץ שליט"א, און די ישיבה קטנה ח"ב געפינט זיך אינעם בנין הישיבה אויף 16 געציל בערגער בלווד. און עס איז נתמנה געווארן אלס משגיח הרה"ג ר' זאב אהרן פריעדמאן שליט"א, ביידע חשוב'ע מרביצי תורה וואס האבן זיך במשך די פארגאנגענע יארן אויסגעצייכנט אין זייער אומנות פון אהערשטעלן פירות מתוקים נאים לברך עליהם.

חפץ ה' בידם יצליח.

# גרויס הצלחה צום זמן החורף אין ישיבות לצעירים

מיט א פלייס און פרישקייט אנגעהויבן דעם נייעם ווינטער זמן שעת"א לפ"ק, א לאנגע ווינטער זמן מיט אן עיבור יאר, וואס וועט אי"ה אויסגענוצט ווערן צו א שטארקע התעלות בתורה וביראת שמים.

די תלמידי ישיבה לצעירים ח"א תחת הנהלתו פון הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"צ דקהלתינו וראש הישיבה זיצן און הארעווען אויף מס' גיטין און אין הל' שבת הלכות בישול.

די תלמידי ישיבה לצעירים ח"ב תחת הנהלת הרה"ג ר' וואלף לאנדא שליט"א, לערנען בהתמדה רבה מס' גיטין און שו"ע יו"ד הל' תערובות.

איינע פון די נייע אנטוויקלונגען אינערהאלב די ישיבות קטנות וישיבות לצעירים איז די געמיינזאמע החלטה פון די פיר ראשי ישיבה צו קובע זיין דעם לימוד שיעור עיון, שיעור פשוט, און שיעור בקיאות אין מס' גיטין, וואס די הונדערטער בחורי חמד וועלן אי"ה דורכלערנען פעסט און קלאר במשך דעם יאר, און ענדע יאר זיך שטעלן דערויף צום פארהער אזוי ווי עס איז שוין דער איינגעפירטער סדר אסאך יארן. די ראשי ישיבה שליט"א האבן אויף דעם שריט באקומען די גאר ווארימע צושטימונג פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכער זעהט אין דעם ענין א שטארקער תועלת.

אין די ערשטע טעג פון זמן האבן די ראשי ישיבה שליט"א באריכות גערעדט צו די בחורים דברי מוסר ויראת שמים, און איינגעשטעלט די סדרי הישיבה אויף די ריכטיגע שינעס, און עס איז ב"ה א הארץ דערקוויקנד בילד צו זעהן ווי די פרחי כהונה די טייערע בחורי חמד האבן אנגעהויבן דעם זמן מיט אזויפיל פרישקייט און עקסטאז, און זיי וועלן האפנטליך מסיים זיין דעם זמן מיט מסכתות גיטין און רייכע מקצועות אין שו"ע.


כד חלפא
שעת"א!
די צייט לויפט פארביי!
אט האלט מען שוין ביים דינער!
די הנהלה קוקט ארויס מיט שרעק און אנגסט
ווען מען היי יאר קענען דעקן דעם
אסטראנאמישן
בודזשעט???
טייערע אנ"ש: אין הדבר תלוי אלא בכם!!!
דעריבער שטרענגט אייך אן
צו ברענגען אייער
אקסימום נדבה צום די
כי שעת"א כניש קוב"
לכל פמליא דילי"!
די גאנצע פמליא של מעלה
קוקט ארויס, ווי אזוי דער ציבור
שטרענגט זיך אן צו העלפן
פאר'ן חינוך הבנים והבנות,
טראץ די שווערע צייטן!!!
דאס ברענגט דאך אוויפיל השפעות טובות,
פרנסה ברווחה און נחת פון די קינדער!!!
דעריבער שטרענגט אייך אן
צו ברענגען אייער
מאקסימום נדבה צום דינער
מאן דדמיך
בריש שעת"א...
פארשלאפט נישט
די געלעגנהייט!
נעמט א חלק אין
החזקת המוסדות
אין דעם זכות וועט איר האבן בעז"ה
א גוט מזל!
מעמד דינער השנתי
מוצש"ק וישלח הבעל"ט
חדו השתא
בהאי שעת"א!
דער זמן ההורף
פון שנת תשע"א
האט זיך ב"ה אנגעהויבן
מיט'ן רעכטן פוס,
ביי אונזערע קרוב
צו 6,500 תלמידים
ותלמידות כ"י
צו די שמחה און פרייד
פון די עלטערן און יידעס שיהיו
אין די זעלבע "צייט"
גרייטן זיך שוין
אונזערע שלוחים
און עסקנים
צום דינער
קאמפיין
שנת תשע"א
ביטע זיי איינפנגען ווארעם,
מיט א פרייליך פנים!
ובזכות החזקת התורה והיראה, וכפרט בסבר פנים יפות ובשמחה,
זאל חל זיין אויף אייך ברכת כ"ק מרן רבינו שליט"א במעמד אלפי ישראל:
..."השי"ת זאל העלפן אז ס'זאל זיין "חדו השתא בהאי שעת"א",
דאס יאר תשע"א זאל זיין א שמחה'דיגע יאר! א פרייליך יאר! די
שמחה זאל נשפע ווערן אויף א גאנץ יאר!"
כד מטיא
שעת"א!
א גאנץ יאר שטיפט מען די חובות
און מ'שלעפט ביז'ן דינער!
אבער שטייענדיג געציילטע וואכן פאר'ן דינער,
ווען די באשטימטע צייט איז שוין אנגעקומען,
ווי לאנג נאך?
קען מען שטיפן און שלעפן?!
דעריבער שטרענגט אייך אן
צו ברענגען אייער
אקסימום נדבה צום די
דחיקא להו
שעת"א טובא!
יא!
ס'איז שווערע צייטן!!!
צוליב די עקאנאמישע נאכווייען, זענען די צאל
בני עניים דראסטיש געהעכערט געווארן!!!
דעריבער שטרענגט אייך אן
ארויפצוגיין אויף א העכערע דרגא
אין אייער "בן גמלא" נדבה
ולכה"פ נעמט אייך אונטער די ערשטע דרגא "בן גמלא" - $55 לחודש
צדקה אין להם קצבה
הא בכל שעת"א
קיימי עניים!
(רש"י מס' גיטין ז"ב)
די דראסטישע העכערונג
פון בני עניים
פארלאנגט פון אונז
"צדקה בלי קצבה"
אין דעם זכות וועט אייער זכות
אייך זיין בלי קצבה!
נעמט אייך אונטער ארויפצוגיין אויף א העכערע דרגא
אין אייער "בן גמלא" נדבה
ולכה"פ קויפט דעם זכות דרגא א פון "בן גמלא" - $55 לחודש
דינער השנתי - מוצש"ק וישלח הבעל"ט

# קרוב צו 150 מלמדים שעפן חיזוק ביי אינהאלטרייכער אסיפת חינוך

פארגאנגענעם מוצש"ק פ' תולדות האבן זיך פארזאמעלט די מלמדים פון כיתה א' ביז כיתה ט', אין שפיץ פון די מנהלים רוחניים, חברי וועד החינוך, און חברי הנהלת המוסדות, צו אן אינהאלטסרייכן "אסיפת חינוך" וואס איז געווען געצילט מחזק צו זיין און אויסשמועסן מיט די מלמדים פארשידענע וויכטיגע און יסודות'דיגע ענינים הצריכים חיזוק מזמן לזמן.

א קורצע צייט נאכ'ן זמן מוצאי שב"ק האט זיך שוין דער הערליכער זאל פון "קרן ויואל משה" אנגעפולט מיט די מלמדים שליט"א, עס איז סערווירט געווארן א רייכע סעודה, און די זמירות למוצש"ק איז הערליך פארגעזינגען געווארן דורכ'ן חשוב'ן מלמד הרה"ח ר' משה יוסף שווארץ שליט"א. א הערליכע מתנה איז פארטיילט געווארן פאר יעדן מלמד, א ספעציעלע עם-פי-טרי מיט אריבער 50 דרשות פון רבנים און מחנכים וואס זענען דירעקט געזאגט געווארן פאר מלמדים ביי פארשידענע געלעגנהייטן.

די מסיבה איז געעפנט געווארן דורכ'ן יו"ר הר"ר שמואל שלמה טעללער שליט"א מרביץ תורה במוסדותינו הק', וועלכער האט איינגעלייטעט די מסיבה, ארויסברענגענדיג בשבחו פון דעם עצם כינוס, און דאס חשיבות פון מלמדי תינוקות, וואס כאטש אינדרויסן ווערט די ארבעט נישט געהעריג אפגעשאצט און אנערקענט, איז אבער דא א ים מיט חיזוק אין סיפוק זעענדיג די געוואלדיגע הצלחה און פירות מידי שנה בשנה.

דאן האט מען געהערט דעם משא המעמד פון הרה"ג פה מפיק מרגליות רבי יעקב וויס שליט"א ראש ישיבת פאפא, וועלכער האט איבער א שעה צייט געהאלטן די פארזאמעלטע געשפאנט מיט א לענגערע דרשת חינוך, וואס איז געווען געבויעט אויף ספרי הראשונים ז"ל, און ארויסגעברענגט קלאר וואס עס איז געווען דער אופן החינוך ביי אונזערע פריערדיגע, אלע בחינות פון באציאונגען צווישן א רבי און זיין תלמיד, און מאריך געווען אין מערערע פרטים וואס איז זייער נויטיג צו וויסן היינטיגע צייטן אין יעדן פרט פון חינוך אז מ'זאל זוכה זיין צו געניסן פון די פירות פון אונזער הארעוואניע.

דערנאך איז אויפגערופן געווארן צום פלאטפארמע דער חשוב'ער גאסט הרה"ג ר' שלמה לעזער שליט"א ר"מ בישיבת שערי יושר און לאנגיעריגער מחנך נפלא, ויו"ר "מלאכת שמים", וועלכער האט אין א לענגערע דרשה געשילדערט פאר די חשוב'ע מלמדים א ריי מיט עצות אין חינוך געבויעט אויף דברי חז"ל געאייגנט וויאזוי צו פירן א כיתה מיט

פארזעצונג אויף זייט 24


הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו באגריסט בשם הנהלת המוסדות


די מנהלים פון די תלמוד תורה ביים אסיפת חינוך






די פארזאמעלטע מלמדים הערן זיך צו צו די דרשות פון גדולי המחנכים

# געהויבענע באזוכן פון רבי'ן שליט"א אין די תלמוד תורה לאזט איבער רישומא דקדושה

**במשך די לעצטע וואכן האבן די תלמידי המוסדות געהאט עטליכע מאל די זכיה מקבל פנים צו זיין כ"ק רבינו הגה"ק שליט"א און הערן דברות קודש ודברי הדרכה, ביי פארשידענע געלעגנהייטן.**

## התרגשות'דיגע מסיבה ביים אפשערן רבינ'ס אייניקל

א גרויסע שמחה איז געווען זונטאג פר' תולדות העעל"ט אין בנין פון די תלמוד תורה "בניני מארקאוויטש" אויף געציל בערגער בלווד. ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א איז געקומען ברענגען אין חדר נכדו היניק פרע"ח כמר חיים הערש רוקח נ"י, בן חדב"נ הגה"צ רבי יוסף שליט"א וועלכער איז אלט געווארן דריי יאר למז"ט. דער רבי שליט"א איז אריינגעקומען אינעם הערליכן עס-זאל וואו די פילע הונדערטער תלמידי כיתה א' זענען געזיצן מיט א מייסטערהאפטע דרך ארץ און געזונגען הערליכע ניגוני שמחה.

דער מנהל רוחני הרה"ח ר' דוד חנני' ווייס הי"ו האט באגריסט דעם רבי'ן שליט"א מיט קורצע ווערטער, און דאן האט דער זקן המלמדים הרב החסיד ר' עקיבא'לע גאנז שליט"א גענומען דאס קינד אויפ'ן שויס און געזאגט מיט אים די א' ב' ווען אלע קינדער האבן פאר זיך א טבלא און האלטן מיט די א' ב' פון אינעווייניג.

דער רבי שליט"א האט דאן גערעדט צו די קליינע קינדער און זיך אראפגעלאזט צו רעדן לויט זייער פארשטאנד דעם מוסר השכל וואס מ'דארף אראפלערנען פון די התנהגות פון יעקב און אז מ'דארף שטרעבן אויסצוּוואקסן יעקב אבינו און נאכגיין זיינע וועגן. דערנאך האבן אלע קינדער באקומען האניג קוכן, און דער רבי שליט"א האט געוואונטשן לחיים.

## מעמד התחלת לימוד גמרא אין כיתה ד'

לכבוד דעם התחלת לימוד הגמרא וואס כיתה ד' האט אנגעהויבן צו לערנען, איז ווי אין די לעצטע פאר יאר פארגעקומען א פייערליכע מסיבה לכבודה של תורה, אבער היי יאר איז די שמחה געווען פי כמה ווען מען האט זוכה געווען צו די פערזענליכע השתתפות פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכער איז געקומען מיטהאלטן דעם מעמד נהדר.

דער חשוב'ער מנהל רוחני הרב ר' יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א האט צוגעגרייט די קינדער צום גרויסן טאג, און מאנטאג פרשת חיי שרה איז געווען דער טאג ווען די תלמידי כיתה ד' זענען געקומען אין חדר אנגעטון מיט ווייסע העמדער. צו די באשטימטע שעה זענען אלע תלמידים אראפגעקומען אין "אולם עקשטיין", וואו דער זאל איז געווען הערליך אויסגעשטעלט.

מיט גאר התרגשות'דיגע איינלייטונגס ווערטער האט אויפגעטרעטן דער מלמד מומחה הרב ירחמיאל זאב פריעד שליט"א, און דאן איז דער רבי שליט"א ערשינען צום מעמד. די צאן קדשים האבן זיך צוגעהערט צו די דברות קודש פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וואס דער רבי האט גערעדט פונעם חשיבות פון יעדן איינציגן איד וואס לערנט די הייליגע תורה, און דער רבי האט געוואונטשן שטארקע חיזוק פאר די קינדערלעך.

## מעמד "צאתכם לשלום" פאר כ"ק רבינו שליט"א

אין די זעלבע צייט איז אויסגענוצט געווארן די געלעגנהייט דורך די תלמידים פון כיתה ב' ג' וואס האבן בשעת מעשה אפגעראכטן א הערליכן מעמד "צאתכם לשלום" פאר'ן רבי'ן לרגל די געלעגנהייט וואס דער רבי איז געפארן קיין לאנדאן אויף איבער די וואך.

די קינדער האבן זיך אויסגע'שורה'ט אויפ'ן גאנצן וועג פון די שערי התלמוד תורה ביז צום געציל בערגער גאס אונטער די אויפזיכט פון די חשוב'ע מלמדים מיט פענדלעך אין די הענט, און ווען דער רבי שליט"א איז ערשינען ווען לידו גייט דער מנהל רוחני הרה"ח ר' משה הערש קליין שליט"א, האט זיך געהערט דער "כי מלאכיו" ביז ווייט אוועק. דער רבי שליט"א האטווארעם אנגעוואונטשן פאר די קינדער מברכת קדשו אז זיי זאלן מצליח זיין בתורה ויראת שמים.

## די פיצעלעך באגלייטן ארויס...

אין די זעלבע צייט האבן די קינדערלעך פון קינדערגארטן געהאט די זכי' מקבל פנים צו זיין פני כ"ק אדמו"ר שליט"א, ווען דער רבי שליט"א האט זיך געפונען אין זייער בנין לכבוד די התחלת הגמרא פון כיתה ד'.

די מלמדים האבן זיך שנעל ארגאניזירט און אויסגענוצט די געלעגנהייט, און ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאס און זיך געזעצט ביי די צוויי זייטן אז דער רבי שליט"א זאל שעפן נחת בשעת ער גייט אדורך.

דער מלמד הר"ר עמרם אקער האט געזונגען מיט די קינדער פאסיגע ניגונים, און דער דער רבי שליט"א האט שטארק הנאה געהאט פונעם בילד.

# כ"ק רבינו שליט"א באזוכנדיג אין די מוסדות הק'





די קינדערגארטן קינדערלעך באגריסן דעם רבי'ן שליט"א ארויסקומענדיג פון בנין הת"ת אויף געציל בערגער







מעמד צאתכם לשלום דורך כיתות ב'-ג' פארנט פון בנין מארקאוויטש, בעפאר דער רבי שליט"א איז געפארן קיין לאנדאן







רבינו שליט"א איז זיך משתתף ביים מעמד התחלת הגמרא אין כיתה ד'

# ביים אפשערן אן אייניקל פון רבינו שליט"א אין כיתה א'



ביים מאכן דעם "ברוכים הבאים" טאוול פאר רבינו שליט"א



די "מזל טוב" קרוין (אויפ'ן דאך) און די באגריסונג פאר'ן רבי'ן (אויפ'ן וואנט) וואס די קינדערלעך האבן צוזאמגעשטעלט לכבוד די שמחה



די קינדערלעך ביי די גרויסארטיגע שמחה



די קינדערלעך זאגן מיט די אלף בית פון אינעווייניג



די קינדערלעך זיצן מיט א מוסטערהאפטע סדר במשך די גאנצע מסיבה



דער רבי שליט"א באטראכט די "אלף בית מתנה" וואס מ'האט אויסגעטיילט פאר די קינדערלעך



דער לאנג-יעריגער מלמד הרה"ח ר' עקיבא גאנז שליט"א זאגט די אלף בית מיט'ן דריי-יעריג קינד




די הערליכע מתנה וואס יעדעס קינד האט באקומען פון רבינו שליט"א



דער מנהל הרה"ח ר' דוד חנני' ווייס שליט"א באגריסן דעם רבי'ן שליט"א און די חשוב'ע געסט



יעדעס קינד האט באקומען א קיכעלע און אן "אלף בית " לכבוד דעם אפשערן

# דרך ארץ ביי לימודי חול אינפארסירט ביי יונגערע כיתות

אין א שמועס מיט מחנכים אין כיתה ד' אין די תלמוד תורה ווערן מיר איבערראשט צו הערן אז 'פנים חדשות באו לכאן', און אנשטאט וואס אין די פארגאנגענהייט איז נישט געווען קיין סוד אז ביי די לימודי חול איז אביסל נאכגעלאזט די אטמאספערע, אזוי אז תלמידים האט געשפירט אז מ'קען זיך ערלויבן געוויסע זאכן וואס מ'ערלויבט זיך נישט אין חדר אונטערן אויפזיכט פונעם מלמד, איז ב"ה דא א שטארקער סדר און ערענסטקייט מבואו ועד צאתו.

דאס האט זיך אנגעהויבן באלד ביים התחלת הזמן, ווען דער באגאבטער מנהל רוחני האט דעם ערשטן טאג צוזאמען גענומען אלע תלמידים אינעם עס-זאל, ווען ער שטעלט פאר דעם לאנג יעריגן ענגליש פריצעפאל הרב חיים עפשטיין הי"ו, און ער האט גערעדט צו די תלמידים איבער זיין חשיבות, און קלאר געשטעלט פאר די תלמידים אז דאס ענין פון דרך ארץ און פאלגזאמקייט ווערט פארלאנגט ביי די לימודי חול מיט גארנישט וויניגער ווי ביי די לימודי קודש, און אז מ'איז א עזות פנים ביי ענגליש צייגט דאס אז מ'האט אין זיך חוצפה בכלל, נאר איבערן טאג איז דאס איינגעהאלטן מער מחמת מורא רבך.

דער מנהל האט אויסגעשמועסט מיט די תלמידים אז די לימודי חול לערנט מען מחמת דעם חוק המדינה, און רוב זאכן וואס מ'לערנט רעכענען און ליינען דאס איז וויכטיג פארן יעדן תלמיד, און אויף קיין אופן וועט נישט טאלערירט ווערן א הזנחה אינעם ענין פון דרך ארץ.

## אינהאלטרייכע חוה"מ מסיבות פאר די תלמידי המוסדות







וויכטיגע געזונטהייט פארשטעלונג און לעקציעס געהערט דורך מו"ה משה אהרן שטיינבערג הי"ו מנהל חברה הצלה און ר' אברהם יצחק פלאהר הי"ו פאראמעדיק





א שיינע שפיל על טהרת הקודש

# תלמידי ישיבה קטנה ח"ב האלטן מיט ווארימע שחרית מיט'ן רבי'ן שליט"א לרגל שמחת ברי"מ

בהתחלת הזמן האבן די חשוב'ע בחורי חמד תלמידי ישיבה קטנה ח"א בהנהלת הרה"ג ר' חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א זוכה געווען צו א תפילת שחרית במחיצתו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכער איז אריבערגעקומען מיטוואך פרשת וירא צו דאווענען מיט די בחורים בהיכל הישיבה "עצי חיים", לרגל די שמחת ברית מילה לבן הנולד אצל הרה"ג ר' איתמר טובי' שווארץ שליט"א משגיח רוחני.

ווען דער רבי שליט"א איז ערשינען און ער האט געטראפן די בחורים הארעווען אין חסיד'ישע ספרים האט זיך דערקענט א שמחה אויף זיין געזיכט, זעענדיג ווי די חשוב'ע מנהלים רוחניים לייגן אריין כוחות עצומות אהערצושטעלן די בחורים אלס כלים שלמים.

עס איז געווען א לעכטיגער געהויבענער דאווענען, רבינו שליט"א האט יורד געווען לפני התיבה, און דער קול תפילה האט אפגעהילכט ווייט אוועק. נאכ'ן דאווענען איז געווען דער ברית, וואו דער רבי איז געווען סנדק, און הגה"צ רבי ברוך טייטלבוים שליט"א חדב"נ דער מוהל, דער רבי שליט"א האט געגעבן דעם נאמען "צבי זאנוויל" נאך הרה"ק מריבניץ זצוק"ל.

נאכ'ן דאווענען איז אפגעהאלטן געווארן א קורצע מסיבת לחיים אין אפיס פונעם מנהל שליט"א, וואו דער רבי מיט די בעלי שמחה האבן געשמועסט איבער'ן ריבניצער רבי'ן זצ"ל נאך וועמען דאס קינד איז גערופן געווארן, און איבער שמות אנשים בכלל.

# "נר משנה" פארברייטערט זיך אין ראמען פון די תלמוד תורה

צום נייעם ווינטער זמן תשע"א, איניאינעם מיט די כלליות'דיגע הרחבת גבולי הקדושה אין די מוסדות הק', איז אויך אנמערקבאר א שטארקע הרחבת גבולי הקדושה, אין די ראמען פונעם העכסט געלונגענעם "נר משנה" פראיעקט, וואס גייט שוין אן אין די מוסדות מיט גרויס הצלחה.

"נר משנה" איז געגרינדעט געווארן אין די תלמוד תורה מיט עטליכע יאר צוריק אויף די איניציאטיווע פון חדב"נ הגה"צ רבי חנוך הענין אשכנזי שליט"א רב ביהמ"ד אבני צדק, אז די תלמידים זאלן אויסנוצן זייערע אייגענע זמנים צו לערנען און חזר'ן משניות און זיך פאהערן דערויף. דער סדר פון "נר משנה" ווערט געטריי באגלייט און אנגעפירט דורך די באגאבטע מחנכים נפלאים הרב יוסף לייב קויפמאן שליט"א ולידו הרב יצחק הענין שווארץ שליט"א.

צוליב דעם גרויסן פארלאנג איז אויך אויפגענומען געווארן האברך היקר ר' יואל פערל הי"ו וועלכער דינט אלס מנהל נר משנה ביי די תלמידי כיתות ד' ה', און צוליב דעם פלוס פון די תלמידים האט 'נר משנה' אויפגענומען דעם לאנג יעריגן מלמד מומחה הרב ר' יוסף עמרם מארקאוויטש הי"ו אלס בוחן כללי פון 'נר משנה'. נאך א קורצע צייט האט זיך ארויסגעשטעלט אז די עבודה איז פול מער ווי ערווארטעט, דאן איז צוגענומען געווארן הרב ר' יו"ט ליפמאן לעווי הי"ו אלס בוחן פון תלמידי כיתה ט'.

מוצאי שבת קודש פ' חיי שרה זענען געקומען פופציג יונגע תלמידי חכמים צום ווינקל פון טשערנאבל קט. וואו עס איז ביתו נאוה פון הגה"צ רבי חנוך הענין אשכנזי שליט"א רב ביהמ"ד אבני צדק, ומייסד ונשיא מפעל "נר משנה" שע"י מוסדותינו הק'. די פופציג 'חתנים' זענען אלע יונגע תלמידי חכמים וואס האבן שוין זוכה געווען לברך על המוגמר און זיך שטעלן צום פארהער אויף א גאנצן סדר משניות וואס זיי האבן געלערנט אין אייגענע זמנים.

אלס יו"ר המעמד איז געווען דער עסקן נמרץ לטובת נר משנה מו"ה ארי' לייב פליישמאן הי"ו, וועלכער האט מיט שטארק פאסיגע ווערטער ארויסגעברענגט דעם משמעות פונעם היינטיגן מעמד. נאכדעם זענען די ילדי חן ארויפגעקומען און געמאכט סיומים אויף די סדרים, פון יעדן סדר איז געווען א סיום.

שפעטער האט דער רב שליט"א משמיע געווען שטארקע דברי חיזוק פאר די תלמידים, און ארויסגעברענגט בשבחם פון די קינדער וואס דאס צו דערגרייכן האבן זיי אוועקגעגעבן אסאך פון זייער פריוואטע צייט מיט גרויס התמדה. דערנאך זענען אלע חשוב'ע מצטיינים אריבערגעגאנגען איינציגווייז און באקומען זייערע הערליכע מתנות לאות הוקרה אויף זייער שטארקע התמדת התורה.

# תלמידי ישיבה לצעירים ח"א אפטע געסט ביי הר"ר יחזקאל פר"מ שליט"א

**- פארהערט די תלמידים און פארברענגט אין לערנען -**

א שיינער מנהג איז איינגעפירט געווארן אין ישיבה לצעירים ח"א בהנהלת הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א, אז יעדן טאג גייען אריבער א מנין בחורים צום ביהמ"ד בבית הרה"ח המפואר ר' יחזקאל פריעדמאן שליט"א, אויף תפילת שחרית און אויך שפעטער אויף תפילת מעריב, וואס איז גלייכצייטיג א שטארקע הנאה פאר ר' יחזקאל צו קענען פארברענגען מיט די בחורים בלימוד התורה.

די בחורים קומען אריבער יעדן צופרי אויף שחרית און ביינאכט אויף מעריב, וואו דאס דאווענען גייט צו מיט א שטארקע התלהבות און ברען, וואס פארשאפט אן עונג רוחני און לעבט אויף ר' יחזקאל שליט"א.

באזונדער איז זיך ר' יחזקאל משתעשע מיט די בחורים בלימוד התורה. ער פארהערט גאר אפט די בחורים, ער גרייט צו די שאלות בכתב בעפאר זיי קומען, און שפעטער ווערט עס פארטיילט פאר די בחורים וואס ענטפערן דערויף בטוב טעם ודעת.

גלייכצייטיג פארברענגט מען מיט שיינע ענינים בלימוד התורה, וואס איז שטארק מהנה ר' יחזקאל און צייגט אויף די הערליכע הצלחה פון די חשוב'ע תלמידי ישיבה לצעירים.

כל רואיהם יכירון כי זרע ברך ה' המה.

# געלונגענער "אסיפת הורים"
# פאר הורי תלמידי ישיבה קטנה ח"ב

די ניי געגרינדעטע הנהלת ישיבה קטנה ח"ב בהנהלת הרה"ג ר' חיים לייב זילבערשטיין שליט"א האט פארגערופן א "אסיפת הורים" אויף מוצאי שב"ק פ' וירא, אינעם ביהמ"ד פון די ישיבה אויף געציל בערגער בלווד. וואו די חשוב'ע עלטערן האבן געהאט די געלעגנהייט צו הערן א וויכטיגע דרשה פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אויך האט מען זיך געקענט טרעפן מיט די מגידי שיעור ומשגיחים כדי זיך צו קענען בפרטיות אויסשמועסן יעדער איבער'ן מצב פון די בחורים.

גלייך אנפאנג זמן האט זיך געשפירט פאר וויכטיג און פאסיג צונויפצורופן די שותפים אין די עבודת הקודש, וואס דאס זענען די עלטערן פון די תלמידים, כדי זיך צו קענען אויסשמועסן וויכטיגע יסודות וואס איז נוגע פאר די עלטערן און נויטיג כדי צו קענען האבן א געמיינזאמע קאאפעראציע צווישן די עלטערן און די הנהלה.

# געלונגענער "אסיפת הורים" אין ת"ת כיתה ט'

דאנערשטאג פ' תולדות זענען זיך צוזאמגעקומען איבער צוויי הונדערט עלטערן וואס זייערע קינדער-בחורים לערנען אין די וואויל-באריםטע "כיתה ט' מכינה לישיבה", כולם באו ונקבצו על פי דיבורו פונעם מנהל רוחני און דער שטאב פון חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א.

אנקומענדיג צו די אסיפה איז צום ערשט געגעבן געווארן די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט די חשוב'ע מרביצי תורה. די מלמדים האבן מיט שמחה ענטפאנגען די עלטערן, וואס פאר טייל פון די עלטערן איז נאכנישט אויסגעקומען במשך די עטליכע וואכן זינט דעם התחלת הזמן צו קענען געהעריג זיך דורכשמועסן.

דער צענטראלער פונקט פון די אסיפה איז די וואונדערליכע דרשה פונעם מנהל רוחני, און אין זיינע אינהאלטסרייכע ווערטער האט ער אריינגעברענגט די עלטערן אז זיי זאלן פארשטיין זייער אחריות און אויפגאבע אלס עלטערן פון די בחורים תלמידי הישיבה, און אפשאצן ווי וויכטיג עס איז זייער הילף און קאאפעראציע פונדערויסן, אויסשמועסנדיג א ריי מיט שטארק וויכטיגע יסודות אין חינוך.

נאך די אסיפה האבן די עלטערן ווייטער געהאט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט די מלמדים און מיט זיי רעדן און איבערשמועסן דעם מצב פון זייער בחור, און הערן א פרטיות'דיגער איבערזיכט פון דעם מצב יעצט, און וואס עס דארף געטון ווערן צו קענען מצליח זיין אויך אויף ווייטער.

# קרוב צו 150 מלמדים שעפן חיזוק ביי אינהאלטרייכער אסיפת חינוך

פארזעצונג אויף זייט 18

רואיגקייט און מתינות, וויאזוי צו קענען אנקומען ווייט אויך מיט שווערע תלמידים, און אריינברענגען יראת שמים און מידות טובות אין די תלמידים מיט הצלחה און סוקסעס.

בשם די חברי הנהלת המוסדות האט אויפגעטרעטן הרבני הנגיד ר' מאיר הירש הי"ו וועלכער האט אדרעסירט דעם מעמד פארשטענדליג זיך אלס א קינד פון א לאנגיעריגער מלמד, און ער איז אויפגעוואקסן אין שטוב פון זיין אומפארגעסליכער פאטער הרה"ח ר' אברהם אבא ע"ה וועלכער איז געווען א מוסטער און א דוגמא פון א מחנך און מלמד מומחה. אין זיינע ווערטער האט ר' מאיר הי"ו משבח געווען די מלמדים, און זיי מחזק געווען אנצוגיין ווייטער מיט די גוואלדיגע הייליגע עבוה"ק.

מיט יראת הכבוד האט זיך דער ציבור צוגעהערט צו די דברות קודש והדרכה פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער האט ארומגערעדט מיט שטארקע יסודות וואס איז נוגע צו וויסן פאר די מלמדים, און וויאזוי זיי זאלן קענען האבן אן השפעה אויף זייערע תלמידים ווי עס דארף צו זיין וואס דער רבי האט אויסגעשמועסט מיט פארשידענע פרטים.

זייענדיג אין א גאר שפעטע שעה שוין אויפ'ן נייעם גערוקטן זייגער, האט דער רבי זיך מתנצל געווען אז לטובת המלמדים מוז ער מקצר זיין ווייל דאס איז איינע פון די יסודות ביי א מלמד אז ער מוז זיין גוט אויסגערוהט ווייל אנדערש קען מען נישט געהעריג פירן קיין כיתה... דער רבי האט דערביי דערציילט א מעשה וואס איז געווען ביים בעלזער רב ז"ל ווען ער האט זיך מונע געווען צו עסן פלייש פון א שוחט מיינענדיג אז ער בליבט אויף מוצש"ק ביז א שפעטע שעה ביינאכט. און דער רבי האט מסיים געווען אנוואונטשנדיג מיט ווארעמע ברכות קדשו פאר אלע מלמדים ומרביצי תורה.

די אסיפה האט געגעבן א געוואלדיגן חיזוק פאר די חשוב'ע מלמדים וואס האבן ארויסגעברענגט זייערע דאנקבארע געפילן פאר די מנהלים רוחניים וואס האבן אריינגעלייגט אזויפל כוחות להצלחת המעמד.

בס"ד

# ווייכטיגע אנווייזונגען

## בנוגע דעם מעמד "דינער השנתי"
## דעם מוצש"ק אין "בית רחל פאראדייס"

### • קיין פלאץ פאר בחורים און קינדער!

אזוי ווי די פלעצער ביים דינער איז זייער באגרעניצט, און יעדע זיץ איז רעזערווירט פאר די תומכי המוסדות, דעריבער וועלן בחורים און קינדער בשום אופן 'נישט' קענען אריינגעלאזט ווערן אין זאל. ספעציעלע סדרנים וועלן דאס פארסירן!

### • מאקסימום זיץ פלעצער

די זאלן ווערן אי"ה אויסגעשטעלט אויף א הערליכן אופן און מיט די מאקסימום זיץ פלעצער (אויך היי-יאר וועט מען זיצן נאך געלט און טיילן מתנות אין די קארידארן "אינדרויסן פונעם זאל"), כדי אויסצוניצן יעדע אינטש אינעם זאל פאר'ן גרויסן ציבור.

### • זמן גורל

אלע משתתפים וואס וועלן אנקומען אין זאל ביז 9:15 וועלן אריינגיין אין א ספעציעלער גורל אויף א הערליכע זילבערנע "ווין פלאש", וואס וועט אויסגעראפעלט ווערן ביים דינער.

### • ספר "זקניך" ח"ג

דער הערליכער ספר 'זקניך ויאמרו לך' ח"ג וועט פארטיילט ווערן אי"ה במתנה פאר אלע תומכי המוסדות ביז 10:30 אווענט. אזוי ווי מיר האבן געדרוקט א מספר מצומצם איז ראטזאם צו קומען ווי פריער.

### • אתקינו סעודתא

א געשמאקע און רייכע סעודה רחבה רבתי וועט סערווירט ווערן, באגלייט מיט "חמין במוצאי שבת".

### • טראנספארטאציע

פאר'ן באקוועמליכקייט פונעם ציבור, וועלן קורסירן באסעס דורכאויס אלע צענטראלע גאסן אין שטעטל, יעדע 15 מינוט "אהין און צוריק", אנגעהויבן פון 7:30, אויפצונעמען דעם עולם.
אזוי ווי דאס פארקינג פלאץ ארום דעם זאל איז זייער באגרעניצט, איז ראטזאם צו קומען ענדערש מיט די באסעס.

### • פארקינג פלעצער

עס וועט זיין צוגעשטעלט פארקינג נעבן זאל, די מאקסימום וואס מעגליך.
די אלע וואס קומען מיט די קארס ווערן געבעטן אויסצופאלגן די אנווייזונגען פון די "פובליק סעיפטי", און קאאפערירן מיט פארשטענדעניש.

### • קרעדיט קארד/העד טשעקס

די וואס באצאלן מיט העד-טשעקס, קרעדיט קארד א.ד.ג. צעטיילט אויף יעדן חודש במשך פון יאר, זענען אויך בארעכטיגט אריינצוגיין אין די 'קעש גורלות', און אינעם 'באנוס שאפינג סענטער גורל'.
די אלע וואס געבן אריין א קרעדיט פאר $660 (מינימום בן גמלא פרייז פער יאר) וועלן אויטאמאטיש אריינגיין אין אלע 5 גורלות איבער'ן יאר.

**- ביטע אויספאלגן די אלע אנווייזונגען פאר די הצלחה פונעם דינער -**

בכבוד רב, **הנהלת המוסדות**

# פון מענדבשארס קיך ווינקל:

## פוירניטשער ווערט שוין געקויפט פאר נייע בית רחל געביידע

ווי שוין באקאנט, האלט דער נייער "בית רחל" געביידע אויף בעיקערטאון, נענטער ווי ווייטער, און אט אט גרייט מען זיך שוין זיך אריינצוציען אין דעם בילדינג.

אין די פארגאנגענע וואכן האט מען שוין אנגעהויבן איינצוקויפן א ריזיגער צאל טישן און בענק פאר די נייע צוגעקומענע קלאסן, וואס אלעס אינאיינעם ציעט דאס אריין אין איבער 12,000 דאלאר, בלויז די דאזיגע הוצאה.

ווי די הנהלה זאגט, איז יעצט דא א פאסיגע געלעגנהייט פאר נדבנים צו נעמען א חלק און אפקויפן די זכותים פון טישן און בענק אין א קלאס וכדומה, וואס דער זכות וועט שטענדיג ביישטיין פאר'ן נדבן.

## איבער $10,000 צו פארריכטן דאך פון ת"ת בניני ווידער-פאלאטשעק

אין די לעצטע וואכן איז צוגעקומען א פרישע הוצאה פאר די הנהלת המוסדות, נאכדעם וואס דער דאך פונעם בנין התלמוד תורה ווידער-פאלאטשעק האט אנגעהויבן צו באקומען לעכער.

די לעכער האבן זיך שוין אנגעהויבן צו באווייזן א שטיק צייט צוריק, אבער לעצטנס איז עס געווארן פיל ערגער, און ס'האט אנגעהויבן אריינצורעגענען דא און דארט.

בעיקר האט זיך דאס דערקענט אינעם ביהמ"ד וואו די קינדער דאווענען יעדן טאג, וואס נאך יעדן שווערן רעגן האט זיך דאס שטארק אנגעזען און די פאדלאגע און די ספרי קודש זענען געווארן נאס.

דערפאר האט מען נישט געהאט קיין ברירה און מ'האט געמוזט אויסגעבן די סומע פון איבער 10,000 דאלאר דאס צו פארריכטן, כדי צו פארמיידן ווייטערדיגע גרעסערע שאדנס.

## רענאוואציעס אין ת"ת בניני ווידער פאלאטשעק אפגעשטעלט צוליב אומגעראכטענע הויכע קאסטן

ווי שוין באריכטעט אינעם פארגאנגענעם נומער, האט מען צוליב דעם כסדר'דיגן וואוקס פון די מוסדות, געדארפט צושטעלן פרישע קלאסן אין תלמוד תורה בניני ווידער פאלאטשעק, צו קענען אריינעמען די פארגרעסערטע צאל קינדער.

מען האט געמוזט געצווינגענערהייט אוועקנעמען די קלאסן פון "חדר עזרה" וואס געפינט זיך אינעם אונטערשטן שטאק פון דעם געביידע, וואס דאס איז געווען צעטיילט אין 3 קלענערע קלאסן, און מ'האט דאס פארוואנדלט אין איין גרויסע כתה פאר די תלמוד

תורה.

אויסערדעם האט מען צוגעשטעלט אינעם בעיסמענט עטליכע נייע קלאסן פאר כיתה ח', נאכדעם וואס אויף די אויבערשטע שטאקן איז מער נישט געווען קיין פלאץ פאר פרישע כיתות.

כדי צו קענען אקאמאדירן די קינדער האט מען געמוזט עפענען דעם האלוועי וואס איז ביז היינט געווען פארמאכט, כדי די קינדער זאלן האבן צוטריט צו די קלאסן פון ביידע זייטן פונעם בילדינג.

וויבאלד דער חלק פונעם בנין איז ביז היינט געווען באנוצט בלויז פאר סטארעדזש, איז עס נישט געווען אויפגעפיקסט, די ווענט און פאדלאגע זענען געווען רוי, און עס זענען געווען אפענע פייפס און ווייערס וכדומה. פאר דעם צוועק איז ספעציעל געדונגען געווארן א קאמפאני צו פארריכטן די אלע זאכן אז עס זאל זיין פאסיג פאר א פלאץ וואו קינדער דרייען זיך. דאס האט אריינגעשלעפט אין אן אומגעהויערע סומע געלט, וואס מ'האט בלית ברירה געמוזט אראפלייגן צוליב'ן געברויך פון די קינדער.

אזוי ווי דער שטאק איז ביז היינט כמעט נישט באנוצט געווארן, איז נישט געווען קיין ביה"כ אויף דעם שטאק. אצינד דארף מען ווי שנעלער צושטעלן ביה"כ פאר די קינדער, כדי זיי זאלן נישט דארפן יעדעס מאל ארויפגיין אויפ'ן אויבערשטן שטאק, וואס דאס באדייט נאך אפאר מינוט פון ביטול תורה.

דער מענעדזשער פון די געביידע, מו"ה בצלאל באש הי"ו, האט פאר דעם צוועק אויסגעליידיגט און אויסגערייניגט א חלק פונעם בוילער צימער וואס געפינט זיך אויף יענעם שטאק, און ווי ער זאגט איז אלעס גרייט מצדו צו קענען אנפאנגען די ארבעט.

אבער דא האט זיך אלעס אפגעשטעלט צוליב איין סיבה: געלט! דער פראיעקט פון אינסטאלירן די פרישע ביה"כ דארף אפקאסטן קרוב צו 50,000 דאלאר, אריינגערעכנט די טיילס און סינקס וכדומה, און ס'איז פשוט נישטא קיין געלט. די הנהלת הישיבה האט געמוזט אפלייגן די ארבעט ביז ווילאנג מ'וועט טרעפן א פרישע מקור הכנסה דאס צו באצאלן.

ווי אויך פעלט זיך אויס צוצושטעלן א "מלמדים שטיבל" אויף דעם שטאק, כדי די מלמדים זאלן נישט דארפן ארויפגיין אויף די אויבערשטע שטאקן. ווי דער מענעדזשער זאגט האט ער שוין געטראפן א פארשטופטן ווינקל וואו מ'קען צושטעלן דעם שטיבל, אבער קיין געלט האט ער דארט נישט געטראפן... דערפאר דארף מעןווארטן ביז ס'וועט זיין גענוג געלט פאר דעם צוועק.



די רויע האלס אינעם בעיסמענט פון ת"ת בניני ווידער-פאלאטשעק וואס דארף איבערגעפיקסט ווערן פאר'ן וואוילזיין פון די קינדער



די טרעפ וואס פירן אראפ צום בעיסמענט דארף איבערגעפיקסט ווערן, אז די קינדער זאלן האבן צוטריט צו די קלאסן פון ביידע זייטן פונעם בילדינג



דער בוילער רום איז אויסגערייניגט און מסדר, גרייט אנצופאנגען די נויטיגע רענאוואציע ארבעט ווען ס'וועט געלט דערפאר



די נייע "גארבידזש קאמפעקטארס" וואס זענען אינסטאלירט געווארן ביי עטליכע בנינים פון די מוסדות צו ערזעצן די געוועהנליכע "גארבידזשע קאנטעינארס", וואס וועט שפארן אסאך געלט פער חודש

# לעבעדיגע אקטיוויטעטן אין קינדערגארטען

## לכבוד יו"ט סוכות





## פ' וירא



אין די קאלעך אויוון

## פ' חיי שרה




מיר פארן זעהן קעמעלעך



מיר זעען א ברונען



דריי ניסים אין רבקה'ס געצעלט



קעמעלעך פאר די פרי נורסערי



דריי ניסים אין רבקה'ס געצעלט

# לעבעדיגע אקטיוויטעטן אין קינדערגארטען

## פ' תולדות



וויאזוי גיסט זיך א יעקב אפ נעגל וואסער?



וויאזוי לערנט א יעקב?



ויזד יעקב נזיד



איש יודע ציד





הלעיטני נא



## פ' ויצא



מיט די קליינע פינגער



וישם מראשותיו



והנה סולם מוצב ארצה



אויף מיר זאל יעקב אבינו לייגן זיין קאפ

# לעבעדיגע אקטיוויטעטן אין כיתה א'



פרשת נח - א לעבעדיגע תיבה



פרשת נח - די פייגעלע פליט ארויס פון די תיבה



פ' חיי שרה - ווי די וואסער קומט ממש ארויף פונעם ברונען



פרשת תולדות - א שפיל ווי יעקב פארשטעלט זיך ווי עשיו און ער נעמט צו די ברכות



יעדן טאג קאלירט מען איין אות



מיר לערנען זיך אויס שיין אנצוגרייטן נעגל וואסער




מ'לערנט שוין פלייסיג אין די נייע "אוצר א"ב" וואס די הנהלה האט געקויפט פאר אלע קינדער



נייע ריזיגע אלף בית טאוולען אריינגעלייגט אין יעדן חדר


ישכר
תורה ויראה
ובית רחל
דרבש יואל
דסאטמאר
קעש אויפ'ן פלאץ קאמפיין
GIFT CERTIFICATE
באנוס שאפינג
סענטער גורל
$360
און העכער
ווערטפולע
גורלות
$250
און העכער
פאר $360 גייט איר אריין אין דעם "באנוס שאפינג סענטער גורל", וואו עס וועט זיין איין געווינער אויף קרעדיט אין אלע שאפינג סענטער געשעפטן.
פאר $250 און העכער (אויפ'ן חשבון פון דינער געלט, בן גמלא, קרן ויואל משה, קרן הבנין) גייט איר אריין אינעם "קעש גורל". פאר יעדע $100 גייט איר נאכאמאל אריין אינעם גורל
DESIGN & PRINT / 845.782.3382
קעש גורל - דינער תשע"א

בס"ד

# הזמנה חשובה

בכבוד רב הננו מזמינים בזה את כל אנ"ש תושבי קריתינו,
ובמיוחד מחזיקי והורי תלמידי מוסדותינו הק' שיחיו

למעמד רבתי

# דינער השנתי

להחזקת מוסדותינו הקדושים פק"ק קרית יואל יצ"ו

## וחגיגת "שנת העשרים"

למלאות יובל העשרים של "מפעל בן גמלא" שע"י מוסדותינו הק'

שתתקיים אי"ה במעמד קהל רב

## מוצש"ק פ' וישלח

י"ג כסליו הבעל"ט - (ולמס' Nov. 20)

## באולם "בית רחל פאראדייס"

5 Israel Zupnic Drive

בשעה 7:30

**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

ישתתף אי"ה וישא מדברותיו

בכבוד רב,
הכהלת המוסדות

**נזר "בן גמלא":**

התומכים הראשונים במפעל "בן גמלא"

מיום הוסדה עד האי שעתא
כה יתן ה' וכה יוסיף

**דבר התומכים הראשונים:**

ע"י אחד מחשובי תושבי עירנו שיחי'

חד מהחבורה שנתעטרו ב"נזר בן גמלא"

**חנוך לנער:**

הר"ר משה ארי' גוטטמאן שליט"א

"בריען א קשר מיטן קינד"

**דבר הנהלה:**

הרה"ח
ר' מאיר הירש הי"ו

חבר הנהלת המוסדות

**יושב ראש:**

הרה"ג ר' שמעון אברהם ראטה שליט"א

**פרקי זמירות:**

המזמרים

**שירה נעימה:**

ר' יששכר גוטטמאן נ"י

## דעם מוצש"ק • בית רחל פאראדייס